# פרשת נח כ"ח תשרי – ד' חשון תשע"ט לפ"ק

***יום שני פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בנאר"ט מיאמי למנוחה.

בשעות הערב התקיים המעמד הנהדר לרגל סיום מסכת פסחים ומסכת שקלים שנלמדו על ידי מאות אנ"ש חברי קהלתנו הק' במסגרת '**ובהם נהגה**' שע"י קהלתנו הק', באולם עטרת חי', שהיה ערוך באופן מלכותי כראוי לכבוד התורה ולומדיה, כשבראש השלחן מפארים הרבנים הגאונים דייני קהלתנו שליט"א ועל צבאם עטרת ראשינו ותפארתינו **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

לאחר תפלת מעריב ברוב עם, נטלו כל הקהל ידיהם לסעודת מצוה. **הרה"ג רבי עמרם יונגרייז שליט"א** מו"ץ בק"ק נטעי גבריאל, ועורך הבחינות מידי חודש בחדשו, קידם את פני הבאים בנועם אמרותיו. - בין פרק לפרק הנעימו מקהלת '**שירה**' ממיטב הניגונים וזמירות לכבוד התורה ולומדיה, כשבראשם הנעים הר"ר **שלמה דאסקאל** הי"ו.

רוח של שמחה ויום טוב התפשט בקרב עם, עת הופיע מלך ביופיו אבינו רועינו **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** לפאר המעמד, ובשירה וזמרה וברקודין של מצוה קידמו את פני הקודש שנמשך למשך זמן.

הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו שהנחה את המעמד קרא להאברך היקר הר"ר **דוד לייב ברוין** הי"ו - מלוקחי הבחינות מיום היוסד החבורה ועד עתה – אשר היטב לתאר חיי יום יום של אברך הנמנה בהחבורה, והוגה בה.

לאחר כן נתכבד הרבני הנגיד הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א (מגדולי תומכי המפעל בפרט, ומוסדותינו הק' בכלל) לשאת מדברותיו. בראשית דבריו דיבר בגודל התקשרותו **לרבינו שליט"א** עוד משנות קדם, שזכה לדלות ולרוות ממעין הנובע היוצא מבית ה'. והנאים בשבח הלומדים והמשתתפים בהלימודים תמידין כסדרן, ובמעלת עם ישראל הדבקים בתורת ה'.

הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו - בריח התיכון ומגיד שיעור במסגרת '**ובהם נהגה**' - הביע תודה לכל אלו המחזיקים ונושאים בעול הוצאות המסגרת, ולהמסייעים ומקדשים מזמנם לכל עניני חבורת '**ובהם נהגה**', אשר במעשיהם הטובים עושים ומעשים להרביץ תורה בישראל, ולהגביר קרן התורה בקרב קהלתנו הק'.

הס הושלך עת עמד **כ"ק מרן רבינו שליט"א** והשמיע מדברות קדשו בדברי חיזוק ועידוד לכל הלומדים והנבחנים על הלימודים תמידין כסדרן, ובקריאה נלהבה לכל אחד - כולל בחורי חמד דקהלתנו הק' - להשתתף ולהימנות בחבורת '**ובהם נהגה**', ולעמוד על כור המבחן מדי חודש בחדשו.

באמירת הסיום וההדרן נתכבד הרב **יודא באדאנסקי** שליט"א (ממגידי שיעור במסגרת החבורה). ובאמירת הקדיש נתכבד הרבני הנגיד הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו מפארי ומתומכי קהלתנו ומוסדותינו הק', לע"נ אביו מו"ה **אהרן** ז"ל שחלק נכבד מהוצאות המעמד נתנדב לעילוי נשמתו.

בגמר הקדיש פרצו כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה, בנתינת שבח והודיה להשי"ת על טוב חלקינו וגורלינו, להיות נמנים בצבא ה' ללמוד וללמד תורתו הק', ומה יפה ירושתינו שזכינו לסיים מסכת פסחים ומסכת שקלים. הריקודין ארכו לזמן ממושך מתוך רוב שמחה וחדוה עילאה.

אחרי פרקי שירה נתכבד הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי **אברהם מרדכי מלאך** שליט"א לשאת מדבריו, ובמשך שעה ארוכה ישבו הקהל הרחב והטו אוזן לשמוע דבריו הערבים והמתוקים, משמחי לב ונפש, בגודל מעלת לימוד התורה הק', להיות בעיניו כחדשים והתחדשות תמידית. - **רבינו שליט"א** בירך על הכוס ועברו כל הקהל בסך לקבל כוס של ברכה.

בסיום המעמד נתפזרו כל הקהל למקומות מושבותיהם, בלב מלא רגש ותהלה שזכו להיות ממשתתפי המעמד רבת ההוד וההדר, ובשמחה של מצוה להתחיל מסכת ראש השנה יחד עם מאות אנשי שלומינו שיחיו, להיות עמלים בתורת ה' תמימה בחדוותא דאורייתא. אשרינו מה טוב חלקנו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צו נעמען אין דעם אווענט דא, וואס מען איז זיך

צוזאמגעקומען צום סיום פון צווי מסכתות, מסכת פסחים און מסכת שקלים. איך קען נישט גענוג ארויסברענגען מיין שמחת הנפש וואס איך האב. מען הייבט אן אין קומענדיגען יאר צווי פרישע מסכתות, ראש השנה און יומא. איך מיין אז די ערשטע מסכתא וואס מען האט געלערנט אין 'ובהם נהגה', פאר מען האט אנגעהויבן אויפן סדר הש"ס, איז געווען מסכת ראש השנה. עס איז געווען פון די ערשטע מסכתות וואס מען האט אנגעהויבן צו לערנען אויף דעם סדר הלימוד. מען האט אנגעהויבן דעמאלטס בזעיר אנפין, א פאר יונגעלייט האבן זיך צוזאמגענומען, זיי ווילן אנהייבן א סדר, און מען האט אנגעהויבן מסכת ראש השנה. איך קוק היינט אן וואס עס איז געווארן פון דעם, הונדערטער יונגעלייט האבן זיך צוגעשטעלט דערצו. און מען האלט שוין ב"ה, נישט ביי איין מסכת, נישט ביי צווי מסכתות, נאר מען האט שוין אדורכגעלערנט מערערע מסכתות. וויל איך קודם אנוואונטשן פאר די אלע וואס זענען פון די מסיימי המסכתות, אז דער באשעפער זאל זיי געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך מסיים זיין אסאך מסכתות.

**עס** איז ביי מיר פערזענליך אויך א שמחה, איך בין אויך פון די מסיימים, איך האב יעצט מסיים געווען מסכת שקלים, וואס איך האב נאך נישט געלערנט אין מיין לעבן. איך האב שוין פארגעלערנט גאנץ ש"ס ברבים, אבער מסכת שקלים איז מיר נישט אויסגעקומען אז איך זאל לערנען. און יעצט, כאטש עס איז געווען שווערע טעג, די הייליגע טעג, פון דעסטוועגן דאך האב איך עס מיטגעהאלטן. עס איז ביי מיר א שמחה אז איך קען זיין צווישן די מסיימים.

**עס** קומט א עקסטערן דאנק פאר די אלע עסקנים, פאר די מגידי שיעורים, פאר די תומכי תורה. יעדער פארשטייט, אז עס קאסט אוצרות מיט געלט אויפצוהאלטן אזא זאך, און אויף דעם איז נישט דא קיין אפילס, עס איז אלעס נאר וואס נדיבי הלב געבן פון זיך אליין, צוצוהעלפן אז עס זאל קענען ווייטער אנגיין.

*

**דער** תכלית פון זיך צוזאמקומען, האט אין זיך צווי נקודות. איינס, אויפן עתיד. מען הייבט דאך יעצט אן צו לערנען פרישע מסכתות, עס זאל צוקומען נאך חברים דערצו. חברא חברא אית ליה, איין חבר איז מעודד דעם צווייטן, אפילו מען איז נישט אנגעקומען ביז יעצט, זאל מען פון יעצט און ווייטער זיך צושטעלן דערצו, און אנהייבן לערנען. און לערנען מיינט, לכתחילה לערנען, און על צד היותר טוב נעמען אויף זיך בחינות. מען לערנט אנדערש, עס איז גאנץ אן אנדערע סארט לערנען, ווען מען לערנט סתם די מסכת, צו מען פאראהערט זיך יעדן חודש וואס מען האט געלערנט. ב"ה עס איז דא הונדערטער יודען וואס האלטן מיט, סיי אין דעם לימוד, און סיי די בחינות וואס מען נעמט נאכדעם. עס גיט א פרישען חיזוק פאר די וואס האבן נאך נישט מיטגעהאלטן, אנצוהייבן לערנען צוזאמען מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה'.

**צווייטנס**, געבן חיזוק און עידוד פאר די אלע וואס האבן געלערנט. עס איז נישט גרינג, עס איז אלץ דא שווערע צייטן, שווערע זמנים. א מענטש איז נישט אלעמאל אויסגעשטעלט זיין טאג, און זיינע זמנים, די זעלבע. אמאל איז דאס פרנסה וואס שטערט, אמאל איז דא אנדערע זאכן וואס שטערן, און פון דעסטוועגן דאך זאל מען נישט נאכלאזן. און כדי מען זאל ווייטער אנהאלטן דערמיט, פארלאנגט זיך חיזוק, דברי תורה צריכין חיזוק (ברכות לב:). ווילן מיר קודם אנהייבן מיט געבן חיזוק, פאר די וואס ווילן אנהייבן פריש צו לערנען.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה, האט די תורה אראפגעלייגט די גאנצע בריאה ווי אזוי דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. ווען עס איז געקומען צום באשאפן דעם מענטש, האט דער אייבערשטער געזאגט, נעשה אדם (בראשית א-כו), לאמיר באשאפן א מענטש. רש"י זאגט, מכאן פקרו המינים, וואס איז טייטש 'נעשה', 'מיר' זאלן מאכן, דער אייבערשטער האט דאך אלעס אליין באשאפן. ברענגט רש"י צו, אז דער אייבערשטער מגודל ענוותנותו האט זיך באראטן מיט די מלאכים, צו מען זאל באשאפן דעם מענטש, צו נישט. און עס האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים, איינער האט געזאגט יא, און איינער האט געזאגט נישט. חסד זאגט יא, ווייל עס איז א וועלט פון חסד, און שלום זאגט מען זאל נישט באשאפן, ווייל עס איז א וועלט פון קטטה. צדק זאגט, אז מען זאל יא באשאפן, און אזוי ווייטער. האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים. עס

שטייט אין מדרש (ב"ר ח-ה), אז ווען דער אייבערשטער האט געזעהן אז מען איז מדיין, צו מען זאל יא באשאפן א מענטש צו נישט, איז געגאנגען דער רבונו של עולם, און ער האט באשאפן דעם מענטש, און ער האט געזאגט כבר נעשה אדם, ער איז שוין דא. - דער באשעפער מאכט קודם א מיטינג מיט די מלאכים, צו מען זאל יא באשאפן דעם מענטש, צו נישט, און ווען ער האט געזעהן אז עס גייט נישט אזוי אויף די רעלסן ווי אזוי דער רבונו של עולם וויל, האט דער אייבערשטער געזאגט, כבר נעשה אדם, עס איז שוין דערנאך, איך האב שוין באשאפן דעם מענטש.

**איך** האב געזעהן צוברענגען פון א ליטווישן ראש ישיבה נאך אינדערהיים אין די שטאט סלוצק, אז ער האט געוואלט מייסד זיין א ישיבה ביי זיך אין די שטאט. די עניות איז אמאל געווען זייער גרויס, אז אפילו פשוט צו געבן עסן פרישטיג פאר די בחורים, איז שווער געווען אז מען זאל קענען געבן. ער האט אבער דאך געוואלט מייסד זיין א ישיבה, ער האט געהאלטן אז עס וועט זיין א געוואלדיגע טובה פאר די שטאט, איז ער געגאנגען און ער האט מודיע געווען אין די צייטונג, אז אין די שטאט לוצק עפנט זיך א ישיבה, און אנהייב זמן זענען אנגעקומען פופצן בחורים לערנען. נו ער דארף דאך געבן צו עסן, און ער האט נישט. איז ער געגאנגען און ער האט גערופן די בעלי בתי'שע יודען אין די שטאט פאר אן אסיפה, און ער האט זיי געזאגט, אז ער האט געעפענט א ישיבה דא, און מען דארף האבן עסן פאר זיי, און ער בעהט אז יעדער זאל זיך משתתף זיין און ארויסהעלפן. האבן זיי געזאגט, אז זיי האבן תרעומת אויף אים. אז דו ווילסט עפעס מאכן, רוף קודם, און פרעג, צו מען איז גרייט ארויסצוהאלטן צו נישט. דו גייסט קודם, און דו ביסט מפרסם אז עס וועט זיין א ישיבה, און מען קומט לערנען, און יעצט גייסטו און דו רופסט אונז אז עס איז שוין דא, און מען דארף אויסהאלטן.

**האט** ער זיי געזאגט, די קשיא איז א גוטע קשיא, אבער די זעלבע קשיא איז אויך שווער אויפן אייבערשטן, דער באשעפער האט אויך אזוי געטון. ער האט קודם געזאגט נעשה אדם, לאמיר באשאפן דעם מענטש, און נאכדעם האט דער אייבערשטער געזאגט, כבר נעשה, עס איז שוין דערנאך. מען האלט דאך אינמיטן דן זיין, און דער אייבערשטער זאגט, כבר נעשה אדם, דער מענטש איז דא.

**האט** ער געזאגט, ער מיינט אז דער פשט איז אזוי. דער אייבערשטער האט געזאגט, נעשה אדם, לאמיר באשאפן א מענטש, און מען איז דן, יא באשאפן צו נישט באשאפן. עטץ ווייסט דען וואס א אדם איז? די מלאכים האבן דען אמאל געזעהן פאר זיך א מענטש, צו וויסן וואס פארא כוחות א מענטש האט, צו וויסן ווען דער אייבערשטער זאגט נעשה אדם, וואס ער וויל מאכן פון דעם אדם? א זאך וואס מען קען נישט, און מען זעצט זיך אראפ דן זיין דערויף, איז זייער שווער דן צו זיין אויפן אמת, ווייל מען קען דאך נישט די זאך. האט דער רבונו של עולם געזעהן אז מען הייבט אן דן צו זיין, יא אדער ניין, און דער אייבערשטער האט דאך געוואלט באשאפן דעם אדם. האט דער אייבערשטער געזאגט, כבר נעשה אדם, ער האט אראפגעשטעלט פאר זיי אדם הראשון, קוקטס אן אדם הראשון, עקבו איז מכהה גלגל החמה, קוקטס וואס פאר א ליכטיגקייט עס איז דא אין אדם הראשון, קוקטס וואס פאר א חכמה אדם הראשון האט. ווען מען וועט זעהן וואס די פרי איז, וועט מען שוין אנדערש קוקן דערויף, בשעת מען וועט עס דן זיין.

**האט** דער ראש ישיבה געזאגט, אויב איך וועל ענק גיין פארלייגן, אז עס זענען דא בחורים בני תורה, און מען וויל לערנען, און מען דארף האבן געלט דערפאר, אוודאי איז זייער גרינג צו זאגן ניין. איך וועל ענק קודם אהערברענגען א מספר פון בחורים, און קוקטס אן די איידלקייט פון די בחורים, קוקטס וואס פון די קען אויסוואקסן, יעצט ווען מען וועט דן זיין דערויף, וועט מען שוין אנדערש דן זיין דערויף, צו מען זאל זיי אויסהאלטן, צו נישט.

**ווען** מען דארף פארשטעלן 'ובהם נהגה', און מען דארף רעדן צו יונגעלייט, און עלטערע בעלי בתים, אז מען זאל אנהייבן אריינצושפרינגען אין ים התורה, הייב אן צוזאמען, ווער א חלק דערפון, עס איז א קליינע מסכת ראש השנה, הייב אן מיטצולערנען. נו, דארף מען דאך דאס מסביר זיין, און געבן צו פארשטיין, יא, עס איז דא שוועריקייטן דערין. אבער עס איז כבר נעשה אדם. **מיר האבן שוין דא הונדערטער יונגעלייט וואס זענען שוין**

**ארײנגעשפּרינגען דערין. און קוקטס וואס פּאר א שמחה זײ האבן אויף זײערע פּנים'ער. קוקטס װי אזױ זײ זעהן אויס, װי אזױ עס האט זיך געטוישט זײער לעבן פון דעם וואס מען איז געזעסן און געלערנט. קוקטס װי אזױ זײערע שטובער זעהן אויס, עס איז געװארן שטובער פון תורה. קוקטס וואס פּאר א שלום בית עס האט געברענגט אינעם שטוב, וואס מען טוט שעצן א יונגערמאן וואס זיצט און לערנט. כבר נעשה אדם, עס איז שוין דא. װער א חלק דערפון, שטעל זיך אויך צו דערצו. עס איז נישט אזױ שווער צו לערנען יעדן טאג א עמוד גמרא, עס איז טאקע מיט אן עול, וואס מען דארף לערנען. אבער אז מען לערנט, קען מען. דו װעסט אויך קענען אויפשטײגן, דו װעסט אויך קענען זײן בײ די קומענדיגע סיום מיט די זעלבע שמחה און חדות הנפש וואס דו זעהסט הײנט.** אז מען זעהט פאר זיך א סעמפּל וואס עס האט אויפגעטון, איז אסאך גרינגער נאכדעם צו רעדן אז מען זאל זיך צושטעלן דערצו. - דאס איז די תועלת פאַרוואס מען קומט זיך צוזאם. מען זעהט א ציבור יודען וואס האבן זיך גענומען צו לערנען, און וואס פאר א שמחת הנפש עס האט אויפגעשטעלט בײ זײערע שטובער, איז עס מחייב אנדערע אויך, אז זײ זאלן זיך צושטעלן דערצו.

*

**דברי** תורה צריכין חיזוק, עס איז דאך נישט אזױ גרינג צו קענען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור אין אלע זמנים, מען איז דאך פארנומען מיט די פּרנסה און אנדערע זאכן. און כל שכן װען עס קומט צו נעמען די בחינות, וואס מען דארף עס איבער'חזר'ן. און װיפיל מאל מאכט זיך, אז מען פאלט אדורך. מען האט אנגעהױבן, און עס איז נישט געגאנגען װײטער. אמאל איז דא בלעטער וואס מען האט נישט געלערנט אזױ געהעריג, און עס נעמט אװעק דעם אפּעטיט פון װײטער גײן. אויף אלעם איז דא א תשובה אין די תורה הק' וואס גיט דעם חיזוק דערויף.

**מען** געפינט אז שלמה המלך איז געװען זײער קלוג, אזױ װי דער פּסוק (מלכים א ה-יא) זאגט, ויחכם מכל האדם וגו', וידבר שלשת אלפים משל. װען ער האט גערעדט א זאך, האט ער געזאגט דרײ טױזנט משלים, מסביר צו זײן די זאך וואס ער האט גערעדט מיט זײן חכמה. עס קען זײן אז עס ליגט דערין א רמז.

**מען** זעהט, װען דער אײבערשטער האט באשאפן די װעלט, האט ער עס באשאפן אין זעקס טעג, יעדן טאג האט ער באשאפן עפּעס אנדערש. און בײ יעדן טאג שטײט, אז דער אײבערשטער האט געזעהן כי טוב, אז עס איז גוט. דעם זעקסטן טאג, װען ער האט באשאפן דעם מענטש, שטײט אין פּסוק (בראשית א-לא) וירא אלקים את כל אשר עשה, והנה טוב מאוד, עס איז זײער גוט. - וואס איז דער זײער גוט. ביז יעצט איז געװען טוב, עס איז געװען גוט, און יעצט האט ער געזעהן אז עס איז 'טוב מאוד', עס איז גאר גוט.

**עברי** מיט טײטש לערנט מען, אז דער אײבערשטער האט באשאפן א װעלט. דעם ערשטן טאג איז דא א שײנע ערד, און נאכדעם א הימל, און עס הײבן אן ארויסצוװאקסן פּירות, עס הײבט אן ארויסצוקומען בהמות מיט חיות וכדומה. װילאנג עס איז נישטא קײן מענטש, איז גארנישט װערד די שײנקײט וואס די װעלט האט. וואס האט מען פון א שײנע װעלט, װען עס איז נישט דא װער עס זאל נהנה זײן דערפון. וואס האט מען פון א שײנע װעלט, פון בהמות און חיות מיט עופות וואס דרײען זיך ארום, עס איז א שײנע מוזיע"ם, עס איז שײן צו קוקן וואס עס איז דא, אבער עס האט נישט אין זיך קײן שום תועלת. אבער װען דער אײבערשטער האט נאכדעם באשאפן דעם מענטש, דעמאלטס האט ארויסגעשפּראצט דער 'טוב מאוד' וואס עס איז דא אין די גאנצע בריאה. אז די בריאה זאל זײן 'טוב מאוד', עס זאל זײן זײער גוט, דאס איז װען עס איז דא א אדם וואס דינט דעם אײבערשטן, און ער קען יעצט נהנה זײן. די װעלט װעט אים צושטעלן אלעס וואס ער דארף צו האבן, כדי ער זאל קענען דינען דעם אײבערשטן. יעצט איז עס געװארן טוב מאוד, עס איז געװארן זײער גוט.

**דער** באשעפער האט באשאפן די װעלט, און נאך די בריאה גײט דער אײבערשטער אדורך, און ער קוקט זיך אום וואס ער האט געטון. איך האב באשאפן א װעלט, איז עס גוט, צו נישט. מען נעמט א רעפּאר"ט קאר"ד, און מען הײבט אן צו מארק"ן, וואס איז די װעלט. מען װײסט, װען מען שרײבט א רעפּארט

קארד, הייבט מען אן אדורכצוגייין די זאך, און מען טוט אנאליזירן וואס מען האט געטון. אמאל איז עס חלש, שוואך. אמאל איז עס טוב, און אמאל איז עס טוב מאד, און ווען עס איז נאך בעסער זאגט מען אז עס איז מצוין. דער רבונו של עולם האט באשאפן די וועלט, און דער באשעפער מאכט א רעפאר"ט קאר"ד פאר זיך אליין, וואס האב איך געטון דא. ער האט באשאפן א וועלט, און ער קוקט אן די וועלט וואס פאר א צייכענונג געב איך פאר די וועלט. וירא אלקים את כל אשר עשה, דער אייבערשטער האט געזעהן אלעס וואס ער האט געטון, און דער צייכענונג דערויף איז געווען 'והנה טוב מאוד', עס איז זייער גוט. [איך בין נישט קלאר, צו אין לשון הקדוש איז 'טוב מאוד' די העכסטע טיטל וואס מען קען געבן. ביי אונז איז 'טוב מאד' נאכנישט די גרעסטע טיטל, ביי אונז איז 'מצוין' מער ווי 'טוב מאד', אבער קען זיין אז אין לשון הקדוש קומט נישט אזא ווארט, קומט אויס אז די העכסטע טיטול איז 'טוב מאד'. צו דער אייבערשטער האט טאקע נישט געגעבן פאר די וועלט דעם בעסטן צייכענונג, ער האט נאר געגעבן, אז עס איז 'טוב מאוד']. אבער על כל פנים דער אייבערשטן'ס צייכענונג 'טוב מאד', וואס דער באשעפער האט געגעבן פאר די וועלט, אז די וועלט איז זייער גוט, איז זיכער גוט.

**לאמיר** טאקע זעהן, איז טאקע אלעס וואס דער אייבערשטער האט געטון געווען טוב מאד. אזוי גוט איז געווען די וועלט, אז עס קומט איר די אויסצייכענונג אז אלעס איז זייער גוט? וויפיל דורכפאלן איז געווען אין די זעקס טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. עס איז געווען איין דורכפאל נאכן צווייטן דורכפאל. דעם ערשטן טאג, האט דער באשעפער באשאפן די ליכטיגקייט, וירא אלקים את האור כי טוב (בראשית א-ד). עס איז גוט? ניין, עס איז נישט גוט. מען קען נישט נוצן די ליכטיגקייט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, עס איז דא רשעים אויף די וועלט. עמד הקב"ה וגנזו, מען גייט עס באהאלטן. די ערשטע דורכפאל אין די בריאה, אז דעם אור וואס דער באשעפער האט באשאפן, קען מען נישט נוצן, עס איז נישט גוט. מען באשאפט די זון און די לבנה, און עס איז נישט גוט. אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, צוויי מלכים קענען נישט משתמש זיין בכתר אחד, מען דארף טוישן דעם פלאן. די זון וועט זיין גרויס, און די לבנה וועט מען מאכן קליין.

**נאכדעם** האט דער באשעפער באשאפן אלע פירות, דער באשעפער זאגט (א-יא) עץ פרי עושה פרי, עס זאל זיין טעם עצו ופריו שוה, און עס איז נישט אזוי געווען, די ערד האט ארויסגעגעבן עץ עושה פרי, אבער דער עץ איז נישט געווען אזוי ווי די פרי. נאך א דורכפאל.

**דער** באשעפער האט באשאפן דעם מענטש, די העכסטע פון די בריאה, ער גיט אים איין מצוה וואס ער זאל מקיים זיין, און ביז א פאר שעה איז שוין דערנאך, מען האט עובר געווען אויף די מצוה, מען האט אראפגעברענגט מיתה אויף די וועלט, בזיעת אפך תאכל לחם, איבערגעדרייט די גאנצע וועלט. און נאך אלעם, ווען דער אייבערשטער קוקט אויף וואס ער האט באשאפן, והנה טוב מאוד, עס איז זייער גוט. וואס איז דער טוב מאוד? וואס איז אזוי גוט? עס איז נישט אזוי גוט געווען. יעדע זאך וואס איז אדורכגעגאנגען אין די בריאה, איז געווען מיט א מכשול.

**אין** מדרש (ב"ר ט-י) שטייט והנה טוב מאוד, זה יצר הרע. וואס איז דער טוב מאוד, דער יצר הרע. עס איז נישטא קיין ערגערס וואס דער מענטש ליידט דערפון דעם גאנצן לעבן, ווי דער יצר הרע. און דער אייבערשטער זאגט, וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד, זה יצר הרע. מוז דאך זיין, אז דער אייבערשטער לערנט אונז דא א געוואלדיגע נקודה, וואס יעדער קען עס נוצן.

**דער** באשעפער האט באשאפן א וועלט, מיט מיליאנען מיליאנען פרטים וואס איז דא אין די וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן. איין מענטש אליין, וויפיל טויזענטער חלקים איז דא אין דעם מענטש, רמ"ח אברים ושס"ה גידים, וויפיל נערוועז, און ווי אזוי עס איז צוזאמגעשטעלט די בריאה פונעם מענטש, אז עס זאל קענען ארבעטן. דאס איז נאר איין מענטש אליין! און אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן טויזענטער און טויזענטער בעלי חיים. עס איז דא טויזענטער מינים פיש, עופות, בהמות, חיות. עס שטייט אין די גמרא (חולין סג:) אז עופות איז דא אן א שיעור. און יעדער איז

אנדערש אויסגעשטעלט. וויפיל מיליאנען פרטים איז דא נאר אין די בעלי חיים וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט.

**און** אז מען רעדט פון די ערד, פון פירות, אוןביימער, פון גראזן וכדומה, טויזענטער און טויזענטער מינים, און פון אלעם איז דער אייבערשטער געוועהן זייער צופרידן. והנה טוב מאוד, אלעס איז זייער גוט. מאכט זיך א דורכפאל ביי א מענטש, מאכט זיך א דורכפאל אין די בריאה וואס האט זיך נישט אויסגעארבעט ווי עס דארף צו זיין, קומט נאך אלץ, אז עס איז טוב מאוד, עס איז זייער גוט. **אפילו דו ביסט אדורכגעפאלן, דו פאלסט אדורך, קוק אבער אויף דיין גוטע זייט, וויפיל גוטע זאכן האסטו יא געהאט.** און אז דו וועסט קוקן אויף דיינע גוטע זאכן, איז אפילו דו האסט געהאט פלעצער ווי דו ביסט דורכגעפאלן, והנה טוב מאוד, זאלסטו וויסן דיין מאר"ק דערויף איז טוב מאוד, עס איז זייער גוט!

**עס קען זיין אז מען האט נישט אדורכגעלערנט די מסכתא ווי עס דארף צו זיין, קען זיין אז עס איז געווען בלעטער וואס מען האט אזוי אדורכגעשמוגלט, און עס קען זיין מען האט נישט געקענט אלעס אנקומען ווי עס דארף צו זיין, דאס טאר נישט פארמינערן די שמחה. וויפיל הונדערטער שעות איז דא, וואס דו האסט אוועקגעגעבן פאר די מסכתא, וואס דו ביסט יא געשטיגן. וויפיל תורה האסטו קונה געווען אין די צייט. וויפיל האט דיר דאס מציל געווען פון צו טון עפעס אנדערש. בראת יצר הרע בראת לו תורה תבלין** (קידושין ל:)**, וויפיל שעות ביסטו געזעסן אין בית המדרש, וואס ווען נישט דאס לערנען וואלסטו זיך געדרייט ערגעץ אנדערש. וויפיל שבח והודאה דארפסטו אפגעבן פארן אייבערשטן, אז דו האסט זוכה געווען דערצו. אפילו א מענטש האט א דורכפאל, עס איז נישט אזוי פערפעקט ווי ער האט געוואלט אלעס זאל זיין, דארף ער אבער וויסן, דו ביסט נאך אלץ טוב מאוד, עס איז זייער גוט וואו דו האלטסט.** דו דארפסט קוקן אויף די טויזענטער חלקים אין דיין לעבן, וואס עס איז יא גוט.

**דער** אייבערשטער האט געוואוסט, אז די וועלט וועט זיין מיט מכשולות, עס וועט נישט אלעס געלונגען אזוי ווי דער באשעפער האט געוואלט, אבער דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, אז אזוי איז די וועלט. עס איז א וועלט פון מכשולות. און אפילו עס איז דא מכשולות, זאגט דער אייבערשטער, והנה טוב מאוד, עס איז זייער גוט, ווייל קוק אין די גוטסקייט דערפון. אפילו עס איז דא פרטים וואס זענען שוואך, איז עס נאך אלץ טוב מאוד, עס איז נאך אלץ זייער גוט.

**וירא** אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד, זה יצר הרע. אזוי ווי עס איז דא א יצר הרע, וואס דער יצר הרע זוכט דאך נאר אראפצוקלאפן דעם מענטש. ער זאל נישט מצליח זיין, ער זאל נישט זיין צופרידן, ער ווייזט אים אייביג נאר זיין שוואכע זייט וואס ער האט. איז געגאנגען דער אייבערשטער און ער האט באשאפן א וועלט, און עס איז געווען מכשולות דערין, און דער באשעפער האט געזאגט דערויף 'והנה טוב מאוד'. זה יצר הרע, דאס זאלסטו נוצן אקעגן דעם יצר הרע. ווען דער יצר הרע וויל דיך אפקילען, און דיר ווייזן דיין שוואכע זייט וואס דו האסט, זאלסטו זאגן, קוק, דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, און עס איז אויך געווען מיט א דורכפאל, און מיטן דורכפאל האט דער אייבערשטער געשריבן דערויף והנה טוב מאוד, אז עס איז זייער גוט! דאס דארף געבן דעם חיזוק פאר א מענטש אין אלע זיינע מצבים, אין אלע זיינע שוועריקייטן, קוקן אויף דעם חלק הטוב, קוקן אויף די גוטע זייט. אפילו עס איז נישט בשלימות וויפיל איך האב געוואלט, עס איז נישט בשלימות וויפיל מען וואלט געקענט אנקומען, פון דעסטוועגן דאך, איז עס טוב מאוד, עס איז זייער גוט, מיט די מכשולות און מיט די דורכפאלן וואס מען האט, וויפיל איז מען יא אנגעקומען.

**אז** מען קוקט אויף די זאכן וואס איז כביכול געווען א דורכפאל אין די בריאה, איז עס געווען מיט דריי זאכן וואס הייבן זיך אן מיט א אל"ף. א'ור, דער אור האט דער אייבערשטער גונז געווען. ביי די אור איז געווען די צוויי מאורות, די זון מיט די לבנה. די צווייטער אל"ף איז געווען א'רץ, די ארץ האט נישט ארויסגעגעבן עץ פרי עושה פרי, נאר עץ עושה פרי. און נאכדעם דער א'דם, דעם מענטש וואס ער האט באשאפן. ווען שלמה המלך האט געוואלט לערנען יודען, האט ער געזאגט, קוקטס אן די דריי אל"ף'ס

וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, און די דריי אל"ף'ס זענען געווען א דורכפאל, דאס דארף זיין א משל פאר ענק, אפילו עס איז דא א דורכפאל, אבער והנה טוב מאוד, עס איז נאך אלץ גוט. 'וידבר', ער האט געוועדט, 'שלשת אלפים', די דריי אל"ף'ס וואס עס איז דא אין די בריאה וואס עס איז נישט געווען גוט, און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געשריבן דערויף, אז דאס איז טוב מאוד, אז דאס איז זייער גוט, 'משל', דאס דארף זיין פאר ענק א משל. **קיינער איז נישט הונדערט פראצענט גוט, קיינער קען נישט זאגן אז ער טוט א זאך און אלעס איז ביי אים ווי עס דארף צו זיין. דאס טאר נישט צוברעכן דעם מענטש! א מענטש דארף וויסן, אפילו עס איז נישט איינגאנצען בשלימות, איך בין נישט צוגעקומען צו וויפיל איך האב געוואלט צוקומען, אבער פריי זיך מיט די גוטע חלק וואס דו האסט. וויפיל טויזענטער פרטים האסטו, וואס איז יא גוט.** און דאס דארף געבן דעם חיזוק, אז מען זאל קענען ווייטער אנהאלטן.

*

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, ב"ה אזויפיל יונגעלייט זיצען און לערנען, עס דארף געבן חיזוק און עידוד אנצוהאלטן ווייטער אויך, נאך א מסכתא און נאך א מסכתא. עס קומען צוויי שיינע מסכתות ראש השנה און יומא, די גאנצע הייליגע טעג וועט מען איבערגיין אין משך פונעם יאר. **חברא חברא אית ליה, יעדער איינער זאל מעודד זיין, זיין ברודער, זיין חבר, צו אנדערע, הייב אן!** מען הייבט יעצט אן א פרישען יאר, מען הייבט אן א פרישע מסכתא, מען האלט נאך שמחת תורה, און יעדער איינער איז אויסגעלייטערט פון די הייליגע טעג וואס מען האט געהאט. יעדער האט געהאט א שמחה אין די טעג וואס מען האט זיך געפריידט מיט די תורה, ממשיך צו זיין די שמחת התורה. מיר האבן יעצט אויך א שמחת תורה, וואס מיר פרייען זיך מיטן סיום פון די תורה, און מיר גייען ממשיך זיין דעם שמחת התורה אויפן גאנצן יאר, צו שטייגן און וואקסן אין תורה.

**ובעיקר** וויל איך עס ארויסברענגען לגבי די בחורים וואס לערנען אין די ישיבות. **עלטערן זאלן פארלאנגען פון די בחורים, אז מען זאל מיטהאלטן מיט די חבורה פון 'ובהם נהגה'.** עס איז דא אזויפיל צייט פאר א בחור אין די ישיבה, וואס מען קען לערנען. א ישיבה איז צוגעשטעלט בכלליות אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן, אויב איינער איז נאר אביסל מער מוכשר ווי א צווייטער, האט ער אזויפיל שעות וואס ער קען נעמען אויף זיך נאך א שיעור. בפרט אין די שבתים, לאנגע פרייטאג צונאכטס, און לאנגע מוצאי שבתים וואס עס איז דא, פרייטאג'ס וואס עס איז שוואך די סדרים אין די ישיבה. עס איז א גרינגע מסכת, נעם אויף דיר, פאראהער דיך יעדען חודש וואס מען האט געלערנט. **עס איז נישט נאר דאס וואס דער בחור האט יעצט געלערנט, אז ער וועט קענען אי"ה דעם יאר צוויי מסכתות אזוי אין דערזייט. נאר עס וועט אים אויך אויסלערנען אויף זיין גאנץ לעבן, אז מען דארף יעדן טאג האבן א שיעור אין א עמוד גמרא. ער וועט דאך שפעטער חתונה האבן, ער וועט ווערן א בעל הבית, און ער וועט דארפן ארויסגיין צו די ארבעט, עס איז שווער שפעטער אנצוהייבן צו לערנען. די וואס האבן זיך צוגעוואוינט אלץ בחור, אז ער האט א עול אויף זיך, צו לערנען יעדן טאג אן עמוד, איז דאס זיין אל"ף בי"ת פונעם טאג, און מיט דעם וועט ער אנהאלטן שפעטער אויך, און ער וועט בלייבן א יוד, וואס איז קובע עתים לתורה.**

**איך** וויל נאכאמאל באדאנקען פאר די עסקנים וואס טוען דערין, איך זאג עס אסאך מאל, און איך זאג עס נאכאמאל איבער, עס איז ביי מיר די חשוב'סטע מינוטן וואס איך האב אין די קהילה, ווען מען קומט זיך צוזאם צו א סיום פון 'ובהם נהגה'. מען זעהט אז מען זיצט און מען לערנט תורה, וואס אין לנו שיור רק התורה הזאת, אלע אנדערע זאכן איז גארנישט, נאר תורה דאס איז דער עיקר. תורה דאס איז דער יסוד פון יודישקייט.

**מען** זעהט, אז זה לעומת זה עשה אלקים. עס איז קיינמאל נאך נישט געווען אזא דור, וואס די נסיונות זאלן זיין אזוי שטארק אויפן מענטש, ווי מען לעבט אין אמעריקע מיט די היינטיגע טעכניק. דער באשעפער פארלאזט נישט. אין די זעלבע צייט וואס עס האט אנגעהויבן ארויסצוקומען די טעכניק און עס האט איינגענומען דעם מענטש, און עס האט אים איינגאנצען פארדרייט, אין די זעלבע צייט איז ארויסגעקומען דעם בראתי לו תורה תבלין. עס האבן זיך געמאכט מסגרת'ן אין אלע מקומות, מען זיצט און מען לערנט תורה אין אלע ווינקלען פון די

וועלט. איך קום יעצט פון נאר"ט מיאמי, איך בין געוועזן דארט אין א כולל, וואס ביינאכט זענען געזעסן דארטן זעכציג-זיבעציג יונגעלייט און מען האט געלערנט. עס איז היינט דא גמרות וואס מאכן גרינגער דאס לערנען. וואו מען גייט, זעהט מען ווי מען גייט מיט א גמרא אין די האנט, און מען לערנט. מען דארף דאנקן דעם אייבערשטן אז דער באשעפער האט אונז נישט פארלאזט, מען זעהט עין בעין וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן דעם זה לעומת זה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען מסיים זיין אסאך מסכתות, און זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת נח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך (הל' שבת דיני חולה בשבת סימן שכ"ח).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמחה לעפקאוויטש** ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**בנו הר"ר משה:** עס איז זייער שווער דאס זיצען שבעה (מפאת זקנותו).

**רבינו:** מען זאל נישט דארפן. עס שטייט אין **תולדות קול אריה**, אז דער **קול אריה** איז געוועזן א גרויסער מקיל אין הלכות אבלות. און מען האט אים אמאל געזאגט, אז ער איז אזוי מקיל, אז עס וועט באלד בטל ווערן הלכות אבלות. האט ער געזאגט, דאס וויל איך...

אייער פאטער האט מיר געזאגט, אז סליחות פלעגן זיי פארן צום **שאמלויא'ער רב**. ער פלעגט צו זאגן א דרשה סליחות.

**הר"ר משה:** יא. ער איז געוועזן דארט א קרוב (שהיה נכד הגה"ח רבי טובי' גדלי' פריינד זצ"ל (בן הגה"ק רבי יהושע מקראלי זצ"ל), שהיה חתן הרב רבי משה צבי עהרענרייך זצ"ל, אבי זקינו של הגה"ק משאמלויא זצ"ל). דער **קראסנער רב** האט מיר געזאגט, אז א גרויס חלק פון זיין נדן האט מיין טאטע'ס טאטע געגעבן. דער **שאמלויא'ער רב** איז געוועזן א ארימאן.

**רבינו:** דער טאטע האט זוכה געווען צו אריכת ימים.

**הר"ר משה:** ווי אזוי ער האט געדאווענט, און ווי אזוי ער האט געלערנט. ער איז געוועזן א סעקעלהיד'ער תלמיד. ער איז געשלאפן מיטן **תולדות אהרן רבי זצ"ל** אין איין צימער.

מיין טאטע איז געוועזן אין שאמלויא ווען דער **מונקאטשער רב זצ"ל** איז דארט געוועזן אויף שבת. ער האט זיך ארויפגעלייגט דעם ראק אויפן פנים, אז מען זאל נישט זעהן אז ער פארט. קען זיין עס איז געוועזן אזא תקופה. דער **מונקאטשער רב** האט געזאגט א שארפע דרשה אין שאמלויא.

**רבינו:** ער האט איבעראל געזאגט שארפע דרשות.

**הר"ר משה:** דער **טאשנאדער רב** איז געקומען זונטאג. דער **טאשנאדער רב** איז געוועזן א שטארקער מונקאטשער חסיד.

וואו האט אייער פאטער (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) געלערנט?

**רבינו:** ביי זיין פאטער דער **סערדאהעלער רב**, און ביי זיין זיידען דער **שאמלוי'ער רב. מיין טאטע ז"ל** פלעגט אייביג זאגן אין שטוב אויפן **שאמלוי'ער רב**, אז איך בין זיין אייניקל, און זיין תלמיד, און זיין חסיד.

**הר"ר משה:** פון וואו איז זיין פאטער אנגעקומען קיין סערדאהעלי.

**רבינו:** ער האט באקומען א רבנות איז ער אהין אנגעקומען.

**הר"ר משה:** ער איז נישט געוועזן סערדאהעלער רב, די וויינבערגער'ס זענען געוועזן רב.

**רבינו:** ער איז אנגעקומען קיין סערדאהעלי אלץ ראש בית דין, און דעמאלטס איז נאך געוועזן דער אלטער רב דארט (**הגאון רבי שמואל לוי וויינבערגער זצ"ל**), און ווען ער איז אוועק, דעמאלס האט זיך אנגעהויבן די מחלוקת.

**הר"ר משה:** דער **סערדאהעלער רב** האט געהאט פון די גרעסטע ישיבות. ער מיט **רבי יעקב יחזקי' פון פאפא**, דער **ויגד יעקב**, ער איז אויך געוועזן א בעלזער חסיד. ער האט זיך אויך משדך געוועזן מיט אים.

**רבינו:** דער **ויגד משה**, דעם **סערדאהעלער רב'ס זון**, איז געוועזן א איידעם ביים **ויגד יעקב**. און זיי זענען געוועזן חברים פון די ישיבה אויך, דער **ויגד יעקב** מיטן **סערדאהעלער רב** האבן געלערנט צוזאמען ביים **ערוגות הבשם**, סיי אין קליינווארדיין און סיי אין חוסט, זיבן אכט יאר האט ער געלערנט ביי אים.

**ונסתובב השיחה בעניני ברית מילה**

**רבינו:** איך האב געהערט אמאל נאכזאגן אויפן **סאטמארער רב זי"ע**, אז ווען עס איז געווען א ברית ראש השנה, פלעגט דער **סאטמארער רב** צו מאכן מציצה (כמובא **בטורי זהב** או"ח סימן תקפ"ד סק"ב), און איינמאל איז געווען א מוהל, און ער האט פארגעסן, און ער האט געמאכט מציצה. נאכדעם האט ער זיך געכאפט, אז געוועונליך ראש השנה מאכט דער רבי מציצה, האט ער זיך אזוי פארענפערט, אז איך בין א מוהל און איך בין צוגעוואוינט צו מאכן מציצה, האב איך פארגעסן. דער רבי האט געהאט אויף יעדע זאך א ווערטל, האט ער געזאגט, 'אז מען געוואוינט זיך צו צאפן יענעמס בלוט, איז שווער זיך אפצוגעוואוינען'...

**א' האבלים: רבי מיכאל בער וויסמאנדעל זצ"ל** פלעגט אויך נוצן דעם טאטן אלץ מוהל. איינמאל איז געווען א גרויסע פולמוס, דער טאטע האט נישט געוואלט מאכן די ברית, ווייל עס איז געווען געל, און ער האט זיך געט'ענה'ט איבער דעם גדר פון ירוק וואס חז"ל האבן געמיינט, און צום סוף האט ער געמאכט די ברית.

**רבינו:** די מעשה איז אמת. איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** אז נאכן ברית האט אים **רבי מיכאל בער** געוואלט באצאלן, און דער טאטע האט נישט געוואלט נעמען פון אים קיין געלט. האט אים **רבי מיכאל בער** געזאגט, 'איך קען אייך נישט צווינגען צו נעמען געלט, אבער טאמער איר נעמט נישט ביי מיר קיין געלט, זאג איך אייך צו, אז מער בין איך אייך נישט מכבד צו זיין מוהל ביי מיינע קומענדיגע קינדער'. איך וויל אז א מצוה זאל מיר קאסטן געלט.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אביגדור בלומענפעלד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בערל פישער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **שרגא בלומענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה יעקב קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך הגיע מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ראש ישיבת מונקאטש (בן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטו"מ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מען רישט זיך אויף א שמחה.

**ר"י מונקאטש:** איך בין געקומען לאדענען אויף די שמחה. - עס קומט דאך א שלום עליכם, דער מחותן איז דאך צוריקגעקומען פון אפרוה.

**רבינו:** עטץ פלעגטס אמאל צו גיין קיין נאר"ט מיאמי?

**ר"י מונקאטש:** ניין. מיט מיין שווער ז"ל בין איך געווען אין מיאמי. אבער דער טאטע איז נישט געווען דארט.

דער טאטע דערציילט, אז ווען ער איז געווען א פרישער יונגערמאן, האט דער **צעהלימער רב זצ"ל** געזאגט פאר רבי חיים בער ז"ל (משב"ק אדמו"ר מונקאטש), ענקער רב פארט נאכנישט קיין מיאמי? דעמאלטס איז ער נאכנישט א רבי.

**רבינו:** מען האט געמאכט פונעם טפל א עיקר, און פונעם עיקר א טפל.

**ר"י מונקאטש:** דער **דרכי תשובה**, פלעגט פארן קיין שינאווא אויף צוויי שבתים. ער איז אנגעקומען אויף שבת, און ער איז געווען דארט די גאנצע וואך, און דעם צווייטען שבת, און נאכדעם איז ער אהיים געפארן. און על פי רוב איז עס געווען די צוויי שבתים, נח און לך לך. די שבתים וואס אברהם אבינו איז ארומגעפארן.

**רבינו:** יום טוב האט ער נישט געקענט, תיכף נאך יום טוב, די ערשטע געלעגענהייט, איז ער געפארן קיין שינאווא.

איך האב געזעהן אין **מחזור דברי יואל**, זיי ברענגען צו א מעשה פון חסידים וואס האבן געוואלט פארן קיין בעלזא, צו **רבי ישכר דוב זי"ע**, אויף די לעצטע טעג, און זיי זענען נישט אנגעקומען אויף די לעצטע טעג, נאר אויף שבת בראשית. ווען זיי זענען אריינגעקומען שלום נעמען, האט זיי דער **בעלזער רב** געפרעגט, עטץ זענטס אנגעקומען צו נעילה? אז שבת בראשית איז נעילה, איז נח און לך א המשך פון די ימים טובים.

**ר"י מונקאטש:** דער **מנחת אלעזר** ברענגט אין **שער יששכר**, דעם באוואוסטן ווארט פונעם הייליגן **רוזינער זי"ע**, אז מרחשון איז מרחשון שפתיה, אז עס איז נאך א המשך פון די תפלות, און דער **מנחת**

**אלעזר** זאגט נאך א בחינה אויף מרחשן שפתיה, אז עס שטייט אין שלחן ערוך (או"ח סימן קנה-א) אז מען זאל מחבר זיין די תפלה צו תורה, זאגט ער מרחשן שפתיה גייט ארויף אויף תורה. און א רמז לדבר שטייט אין **שער יששכר**, מרחשו"ן (עם הכולל) איז בגימטריא תור"ה. חודש תשרי איז תפלה, און חודש חשון איז נישט דא קיין ימים טובים, איז דא די תורה. זעהט אויס אז ער איז געפארן צום **שינאווער רב** מקבל זיין תורה.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונ'ער רב זצ"ל**, אז זיין פאטער דער **מאקאווער דיין**, איז געווען א געוואלדיגער מתמיד אין לערנען, האט ער געזאגט, אז ווען עס גייט אדורך די הייליגע טעג, און מען דארף זיך זעצן צו די גמרא, קומט עס אים אן שווער ארויסצוזאגן די ווערטער, ווייל ער איז אזוי צוגעוואוינט צו דאווענען, אז מען דארף זיך צוריק צוגעוואוינען צום לערנען. - מען זעהט פון דעם ווי אזוי זייער דאווענען האט אויסגעזעהן, מען האט געדאוונט א גאנצע צייט, עס איז געווען א חודש פון תפלה. מען האט זיך געדארפט טוישן צוריק אויף תורה.

איך האב באקומען שיינע גריסן פון טאטן, אז דער יום טוב איז זייער שיין אדורך געגאנגען.

**ר"י מונקאטש:** הודו לה' כי טוב. יעצט האט ער געהאט א שטיקל רויז. ער האט עס שוין באקומען הושענא רבא, אבער מען האט נאר נישט געוואוסט וואס דאס איז. ער האט געטאנצט מיטן רויז.

**רבינו:** שמיני רג"ל בפני עצמו.

**ר"י מונקאטש:** מען איז יעצט ממשיך די שמחה. שמחת תורה איז געווען די שמחה מיטן תורה, אויף חתן כלה שטייט אויך אז טאמער דער חתן איז א תלמיד חכם, דעמאלטס איז עס א סעודת מצוה, זעהט אויס אז די סעודה האט אויך עפעס מיט תורה.

**רבינו:** עס קומט אזוי אויס נאכן שווער'ס פטירה (הרב אלי' **בצלאל טייטלבוים** ז"ל שנפטר בחוה"מ סוכות). איך בין געווען ביי אים ראש השנה.

**ר"י מונקאטש:** די לעצטע פאר וואכן האט ער זיך שוין געגרייט, ער האט געשפירט אז די כוחות לאזן זיך אים אויס. ער האט געזאגט אסאך ווידוי, ער האט כמעט נישט גערעדט. ווען מען האט אים געפרעגט עפעס, האט ער געענטפערט מפני הכבוד ומפני הנימוס. ער האט נאך געפאסט יום כיפור, ער איז געווען אין סאטמארער בית המדרש א גאנצן טאג. ער האט נישט געהאט קיין כח אפילו צו מישן די בלעטער. ער איז געזעסן דארט אינעם גדר, און דער **סאטמארער רב שליט"א** האט געהייסען פאר די קינדער זאלן קוקן ווי אזוי א יוד אין דעם מצב דאווענט.

**רבינו:** מען האט אנגעהויבן צו לערנען יעצט אין ישיבה סימן שכ"ח, הלכות חולה בשבת. איך האב געזעהן צוברענגען א **ריקנטי** (פסקי רבי מנחם ריקנטי סימן קס"ו, הובא **בכנסת הגדולה** או"ח סימן תרי"ח), וואס ער זאגט אויפן הייליגן **ריב"א**, אז ער איז נישט געווען געזונט יום הקדוש, און די דאקטורים האבן געזאגט, אז אויב ער וועט פאסטן וועט ער זיכער שטארבן, און טאמער ער וועט עסן, איז א ספק אפשר וועט ער קענען בלייבן לעבן. האט ער געזאגט, ברי ושמא ברי עדיף, עס איז ברי איך בין מחוייב צו פאסטן, און עס איז א שמא צו עס וועט מיר העלפן דאס עסן, האט ער געפאסט, און ער איז נסתלק געווארן. זיי פלאגן זיך להלכה צו עס איז אויסגעהאלטן צו נישט, אבער ער האט געפאסט יום כיפור.

**ר"י מונקאטש:** איך האב געהערט פון טאטן, אז די באבע ע"ה, די פארציווער רעבעצין, מיין טאטעס באבע, נאכן פטירה פונעם **פארציווער רבי**, האט זי נישט געוואלט בלייבן דארט. איז זי געפארן אויף ווארשא, זי האט געהאט א שטוב מיט קינדער. און אויף פרנסה, האט זי געמאכט א האטעל, זי האט געהאט אפאר צימערן צו שלאפן, און זי האט צוגעגרייט אביסל פרישטאג. און עס זענען געקומען דארט אסאך רבי'ס און ראשי ישיבות, דווקא ביי איר איינצושטיין. ווארשא איז געווען א גרויסע שטאט, און עס איז געווען ווער עס האט געדארפט דארט זיין פאר דאקטורים אדער אנדערע זאכן. און זי איז געווען די חשובע אכסניא.

האט ער דערציילט, אז **רבי ברוך בער** איז דארט געווען פאר דאקטעריי, און עס איז געווען בין כסא לעשור, און מען האט געווארט אויף תשובה פונעם דאקטער צו ער מעג פאסטען יום הקדוש צו נישט. און **רבי ברוך בער** איז ארומגעגאנגען צוטראגן, צו מען האט שוין געהערט פונעם דאקטער צו נישט. און עס איז געווען דארט א צווייטער ראש ישיבה, האט ער געפרעגט **רבי ברוך בער**, וואס איז דער ראש ישיבה אזוי צוטראגן? ווי נישט ווי איז מען מקיים א מצות עשה, צו עס וועט זיין ועניתם את נפשותיכם, צו עס וועט זיין ונשמרתם מאוד לנפשותיכם. א מצות עשה וועט מען דאך מקיים זיין בכל אופן. האט **רבי ברוך בער** געזאגט, און צו

וועלכע מצוה מען דארף זיך צוגרייטן איז ביי דיר גארנישט?
**רבינו:** די הכנה צו די מצוה.
**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

***יום רביעי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה (הל' בציעת הפת סימן קס"ח).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ליפא מארקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לביתו החדש של הר"ר **ישראל שעכטער** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה בפתח הבית, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת נח***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הרה"ג רבי **שלמה אליהו ליכטער** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן ההספד:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען, עס איז אוועק א אדם חשוב מאוד, א תלמיד חכם מופלג, ער איז שטענדיג געזעסן ביי די גמרא און געלערנט, ספרא דדיינא, אסאך גדולי ישראל האבן סומך יד געווען אויף וואס ער האט געזאגט. איז עס א געוואלדיגע אבידה פאר די משפחה און פאר די גוטע פריינד, און פאר די גאנצע שטאט בכלל, און פאר דעם בית המדרש בפרט.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, נח איז געווען א צדיק תמים אין זיינע דורות, את האלקים התהלך נח (בראשית ו-ט). די מפרשים זענען מסביר, אז עס זענען דא פארשידענע ערליי דורות. עס איז דא דורות וואס עס איז גרינג צו זיין א יוד, דער גאנצער מקום איז א ערליכער מקום, מען דרייט זיך צווישן ערליכע יודען, מען זעהט נישט קיין שלעכטס פאר די אויגן, עס איז דא חיזוק און עידוד פון אנדערע. און אז מען פירט זיך אויף ערליך, איז עס אויך א מדריגה, אבער נישט אזוי חשוב ווי ווען איינער געפונט זיך פארווארפען ערגעץ אויף א פלאץ צווישן רשעים, ער דרייט זיך נישט צווישן ערליכע יודען, און פון דעסטוועגן דאך האלט ער אויס, און ער שטייט ערליך, און ער דינט דעם אייבערשטען.

**נח** האט אדורכגעלעבט אין זיינע דורות אלע מיני זמנים וואס איז שייך ביי א מענטשנ'ס לעבן. ער איז געווען קודם אין א דור וואס איז געווען צדיקים מיט רשעים צוזאמען. דאס איז דער דור המבול, וואס עס איז געווען מתושלח וואס איז געווען א צדיק, און שפעטער איז געווען א דור נאר פון רשעים. שפעטער ווען עס איז אדורכגעגאנגען דער חורבן, איז ער מיט די קינדער געבליבן אין א דור פון נאר ערליכע יודען. און נח האט זיך נישט געטוישט, ער איז געווען דער זעלבער צדיק אין אלע זיינע דורות. אלע זיינע זמנים וואס ער איז אדורכגעגאנגען, איז ער געבליבן א צדיק תמים. נח איש צדיק תמים היה, ער איז געווען א צדיק תמים, בדורותיו, אין אלע זיינע פילע דורות וואס ער איז אדורכגעגאנגען, כאטש עס איז געווען פארשידענע זמנים, איז ער געווען א צדיק.

**מען** קען זאגן אויף ר' שלמה אלי', אז ער איז אדורכגעגאנגען דעם 'בדורותיו'. ער איז געבוירן געווארן אין פוילן, געווען אין טאמשוב, א עיר מלאה חכמים וסופרים, מען האט זיך געווייקט ביי ערליכע

יודען. ער איז אדורכגעגאנגען נאכדעם אזא חורבן, אזויפיל יארן וואס ער האט זיך געמוטשעט אונטער די רשעים, און פון דעסטוועגן דאך האט מען זיך געהאלטן יודיש, און מען האט פראבירט וואס מען האט געקענט, צו טון מצוות און מעשים טובים. ווען עס איז אדורך דער חורבן, און ער איז געקומען אהער קיין אמעריקא, און מען האט געדארפט אנהייבן פון דאסניי, האט ער אויפגעשטעלט אזא שיינע שטוב, תלמידי חכמים ערליכע יודען, אייניקלעך און אור אייניקלעך וואס זענען שומרי תורה ומצוות, און חסידישע יונגעלייט.

**איש** צדיק תמים היה בדורותיו, ער איז געווען א צדיק תמים, אין אלע זיינע דורות וואס איז אים אדורכגעגאנגען, איז ער געבליבן דער זעלבער שלמה אלי', דער זעלבער צדיק, און דער זעלבער ערליכער יוד, עס האט אים גארנישט געטוישט דער ארום און ארום, ער האט זיך געפירט אזוי ווי מען האט זיך געפירט אינדערהיים.

**אלה** תולדות נח, מען קוקט אויף די קינדער, די תולדות פון נח, זעהט מען אז נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, אז מען קען איבערלאזן שטובער פון אזעלכע תלמידי חכמים און ערליכע יודען, דאס ווייזט אויפן טאטען און אויפן זיידען וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין די קינדער. זאל ער זיין א מליץ יושר פאר די אלמנה און די גאנצע משפחה, מען דארף מפייס זיין אויב מען האט אמאל אין בית המדרש נישט נוהג כבוד געווען ווי עס דארף צו זיין, און ער וועט אוודאי מיט זיין גוט הארץ מוחל זיין פאר יעדן איינעם, ער וועט זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה. מיר זאלן זוכה זיין, ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור החתן **חיים שמחה בונם הירש** נ"ו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של נכד אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, שהתקיים באולם קהל חסידים.

## פרשת לך לך ה' - י"א חשון תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת לך לך***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל בן הר"ר **יוסף אליהו זעלפריינד** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש מינסק.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת הטוב והמטיב סימן קע"ה סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז ווען עס האט זיך געענדיגט דער מבול, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז פון יעצט אן וועט זיין זעקס ערליי זמנים. זרע קציר, קור וחום, וקיץ וחורף, ויום ולילה לא ישבותו (בראשית ח-כב), די טאג און די נאכט וועט נישט פארשטערט ווערן. ווי קומט אהער אז יום ולילה לא ישבותו, אז די טאג און נאכט וועט נישט פארשטערט ווערן. ביז יעצט איז אויך געווען יום ולילה, וואס האט עס צוטון מיטן מבול. רש"י זאגט, אז פון דא לערנט מען אראפ, אז די מזלות, די זון און די לבנה, האבן נישט באדינט די וועלט אין די יאר פונעם מבול. עס איז נישט געווען קיין טאג און קיין נאכט, מען האט נישט דערקענט ווען עס איז טאג און ווען עס איז נאכט, עס האט נישט געארבעט די זון און די לבנה. אין רש"י איז נישט דא קיין הסבר דערויף, פארוואס האבן נישט די זון און די לבנה נישט געארבעט די גאנצע יאר פונעם מבול.

**מען** ווייסט, אז שבת איז א טאג וואס יודען זאגן שירה פארן אייבערשטען. די גאנצע בריאה זאגט שירה יעדען שבת, ויום השביעי משבח ואומר מזמור שיר ליום השבת, טוב להודות לה' וגו', לפיכך יפארו ויברכו לא-ל כל יצוריו, שבת איז א טאג וואס יודען זאגען שירה. תוספות (סנהדרין לז:) ברענגט צו, אז די מלאכים האבן געזאגט פארן אייבערשטען, דו האסט אונז באשאפן מיט זעקס פליגלען, בשתים יכסה פניו, ובשתים יכסה רגליו, ובשתים יעופף (ישעיה ו-ב), מיר האבן זעקס פליגלען, און יעדן טאג פון די וואך זאגן מיר שירה מיט איין פליגל, אבער דעם זיבעטן טאג האבן מיר נישט קיין פליגל, און מיר קענען נישט זאגען פאר דיר שירה. זאגט דער אייבערשטער, דעם זיבעטן טאג דארף איך נישט האבן ענקער שירה, יש לי עוד כנף אחד בארץ, איך האב א פליגל דא אויף די וועלט, כלל ישראל, זיי זאגען פאר מיר שירה אין שבת. שנאמר, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (שם כד-טז), מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק, שבת הערט דער אייבערשטער זמירות מכנף הארץ, פון די כנף וואס ער האט אויף די וועלט. און תוספות ברענגט צו, אז עס איז געווען מקומות, בני ארץ ישראל, וואס האבען נישט געזאגט קיין קדושה נאר שבת. א גאנצע וואך זאגן די מלאכים קדושה פארן אייבערשטען, זיי האבן די פליגלען מיט וואס זיי זאגען שירה, אבער שבת אז די מלאכים זאגען נישט קיין קדושה, זאגען מיר קדושה. על כל פנים, שבת איז א טאג וואס די מלאכים זאגען נישט קיין שירה, און דעמאלטס זאגען יודען שירה.

**מען** זעהט, אז פרייטאג צו נאכטס זאגט מען מער זמירות פארן אייבערשטען, ווי שבת בייטאג. דאס דאווענען ביינאכט, די זמירות פרייטאג צו נאכטס. עס איז נישט, ווייל מען האט מער צייט פרייטאג צו נאכטס, ווייל אפילו זומער, ווען עס איז דא א גאנצע לאנגער טאג, פון דעסטוועגען דאך, איז די זמירות פון ביינאכט העכער ביי יודען ווי די זמירות פון בייטאג. פארוואס איז עס אזוי, וואס איז די חילוק.

**מען** זעהט נאך א זאך שבת ביינאכט, אז ווען מען קומט אהיים פון שול, זאגט די גמרא (שבת קיט:) אז צוויי מלאכים באגלייטען יעדען יוד, ווען ער קומט אהיים פון שול. און אויב די שטוב איז צוגעגרייט ווי עס דארף צו זיין, וואונטשט מען אים אן, אז די קומענדיגע שבת זאל אויך אזוי זיין. פארוואס געפונט מען נישט ערגעץ אנדערש, אז די מלאכים באגלייטען א יוד. פונקט שבת, ווען ער גייט אהיים פירען די סעודת שבת, דעמאלטס טוען די מלאכים באגלייטען. יעדע זאך האט דאך א הסבר.

**עס** שטייט אין די גמרא (חגיגה יב:) אז די מלאכים וואס זאגען שירה פארן אייבערשטען, זאגען נאר

שירה ביינאכט, אבער נישט בייטאג. עס איז דא א הימל וואס ווערט אנגערופן מעון, וואס דארט זענען די מלאכי השרת, און זיי זאגען שירה ביינאכט, וחשות ביום, און בייטאג זענען זיי שטיל, מפני כבודן של ישראל, וועגען כבוד פון יודען. יודען זאגען דעמאלטס שירה פארן אייבערשטען, שטייען די מלאכים אין די זייט. און די גמרא ברענגט א פסוק דערויף, שנאמר (תהלים מב-ט) יומם יצוה ה' חסדו, ובלילה שירה עמי. און די גמרא טייטשט אזוי, יומם, ווען עס קומט בייטאג, יצוה ה', טוט דער אייבערשטער מצווה זיין פאר די מלאכים, זאגטס נישט קיין שירה. עטץ האטס געזאגט שירה א גאנצע נאכט, יעצט זאגטס נישט קיין שירה. פארוואס, ווייל חסדו, איך דארף טון חסד מיט יודען, יודען זענען אנגעוויזען אויף חסד, און דעמאלטס זאגען יודען שירה פאר מיר, און די שירה איז גורם אז איך זאל טון מיט זיי חסד. ובלילה, זאגט דער אייבערשטער פאר די מלאכים, ווען עס ווערט קומען ביינאכט, דעמאלטס שירה עמי, דעמאלטס זאלט עטץ זאגען שירה. קומט אויס, אז א גאנצע וואך זאגען די מלאכים שירה יעדע נאכט, און מיר זאגן שירה בייטאג.

**אז** תוספות זאגט, אז די מלאכים האבען נאר פליגלען אויף די זעקס טעג פון די וואך, און זיי האבען נישט קיין פליגעל צו זאגען שירה שבת, מיינט נישט אז זיי זאגען נישט שירה שבת בייטאג, ווייל בייטאג זאגען זיי א גאנצע וואך אויך נישט קיין שירה. עס איז דאך חשות ביום, זיי זענען שטיל בייטאג, זיי זאגען נאר שירה ביינאכט. פעלט ביי די מלאכים יעדע פרייטאג צו נאכטס וואס זיי קענען נישט זאגען קיין שירה. זעקס נעכט אין די וואך זאגען זיי שירה, און פרייטאג צו נאכטס קענען די מלאכים נישט זאגען קיין שירה. און זיי זאגען פארן אייבערשטען, מיר האבען נישט קיין כנף. זאגט דער אייבערשטער, עטץ קענטס טאקע נישט זאגען קיין שירה, אבער מכנף הארץ זמירות שמענו, איך האב א כנף, יודען, וואס זיי זאגען שירה.

**קומט** אויס, אז די עיקר שירה וואס אונז דארף מיר זאגען פארן איבערשטען, איז פרייטאג צו נאכטס, ווייל דעמאלטס פעלט פונעם אייבערשטען די שירה פון די מלאכים. בייטאג האט ער א גאנצע וואך אויך נישט קיין שירה פון די מלאכים, ער האט נאר די שירה פון אונז. אבער פרייטאג צו נאכטס דארף א יוד משלים זיין, נישט נאר זיין אייגענע שירה, נאר ער דארף אויך משלים זיין די שירה פון די מלאכים.

**קומט** אויס, אז א גאנצע וואך קענען די מלאכים נישט באגלייטען ביינאכט, ווייל זיי זענען פארנומען, זיי דארפן זאגן שירה פארן אייבערשטען. אבער פרייטאג צו נאכטס זענען זיי ארבעטסלאז, זיי האבען נישט וואס צו טון, זיי זאגען נישט קיין שירה אויבן אין הימל, און יודען זאגן שירה, קומען די מלאכים אראפ באגלייטען א יוד אין שטוב, איך וויל הערן דיין זמירות שבת, ווייל דו טוסט ערזעצן מיין שירה וואס איך זאג פארן אייבערשטען. וועגען דעם איז פרייטאג צו נאכטס די צייט וואס די מלאכים באגלייטען דעם מענטש, ווייל דעמאלטס פעלט די שירה פון די מלאכים אויבן אין הימל, און אונז דארף מיר דאס משלים זיין, קומען זיי זיך משתתף זיין אין די שירה.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא אחרי יב) אז בשעת יהושע האט אריינגעטראגען די יודען קיין ארץ ישראל, און מען איז אנגעקומען קיין גבעון, איז געווארן נאכט, און מען האט געדארפט האלטען מלחמה ביינאכט. האט יהושע געזאגט, שמש בגבעון דום (יהושע י-יב), די זון זאל זיך אפשטעלן, עס זאל בלייבען טאג, כדי מען זאל קענען פירען די מלחמה. זאגט דער מדרש, אז די זון האט געזאגט פאר יהושע, איך קען מיך נישט אפשטעלן, ווייל ווען איך גיי, זאג איך שירה פארן אייבערשטען, און אז איך וועל זיך אפשטעלן, וועט פעלן די שירה פארן באשעפער. האט יהושע געזאגט, איך וועל עס משלים זיין, שנאמר (שם) אז ידבר יהושע, דעמאלטס האט יהושע געזאגט די שירה. קומט אויס, אז די זון און די לבנה זאגען שירה פארן אייבערשטען ווען זיי גייען.

**מען** געפונט אין די גמרא (מגילה י:) אז ביי קריעת ים סוף בקשו מלאכי השרת לומר שירה, האט דער אייבערשטער געזאגט, מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה?! ווען עס איז מעשה ידי טובעין בים, קען מען נישט זאגען קיין שירה. אויב ווען די מצריים זענען טובעין בים קען מען נישט זאגען קיין שירה, איז דאך ביים מבול, ווען די גאנצע וועלט איז טובע בים, האט דער אייבערשטער נישט אנגענומען קיין שירה. ווען עס איז מעשה ידי טובעין בים קען מען נישט זאגען קיין שירה. און אז די זון און די

לבנה זאגען שירה בשעת זיי גייען, האט דער אייבערשטער נישט געוואלט מקבל זיין דעמאלטס די שירה, שבתו המזלות, זענען די מזלות געבליבען שטיין, ווייל זיי האבן נישט געזאגט קיין שירה בשעת דער אייבערשטער האט געהאט א צער פון די מעשה ידיו וואס זענען טובעין בים.

*

אחר תפלת ערבית הגיע **הרה"ג רבי שלמה ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטומ"צ.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו שהתקיים באולם דיקאריעם.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של ש"ב בן הרב **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת הרב **פישל אילאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם פאפא.

*

*__יום שני פרשת לך לך__*

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים יהודה פריעדמאן** הי"ו (חתן הר"ר דוד קאהאן הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*__וזה תוכן הדברי תורה:__*

**די** וואך אין די פרשה שטייט די ציווי פון מצות מילה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, התהלך לפני והיה תמים, (בראשית יז-א) גיי פאר מיר, און דו זאלסט זיין גאנץ. ואתנה בריתי ביני ובינך, איך וועל געבן מיין ברית צווישן מיר און דיר. נאכדעם איז געקומען א צווייטער דיבור פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט אים געזאגט, אז פון היינט אן, וועסטו נישט הייסען אברם, נאר אברהם, כי אב המון גוים נתתיך, דו וועסט זיין א אב המון גוים. וואס איז די קשר פון די צוויי זאכען. דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען אויף מצות מילה, און נאכדעם וואס ער האט אים געגעבן די מצוה פון מילה, האט ער אים געזאגט, פון יעצט אן וועסטו מער נישט הייסען אברם, נאר אברהם, דו וועסט ווערן א אב המון גויים.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **נזר הקודש**, די גמרא (תענית כא:) זאגט, אז עס איז געווען א שטאט וואו עס איז געווען א דבר, עס איז ארומגעגאנגען א מגיפה אין די שטאט, און אין די געגענט וואו רב האט געוואוינט איז עס נישט געווען. האט יעדער געמיינט אז עס איז אין זכות פון רב, וואס איז מגין אויף זיין געגענט אז עס קומט נישט די צרה. האט מען שפעטער מגלה געווען, אז דאס איז נישט אין זכות פון רב, ווייל רב'ס זכות איז זייער גרויס, און דאס איז א קלייניגקייט אקעגן דעם זכות פון רב. נאר דארט איז געווען א יוד וואס האט געטון חסד. מען האט געדארפט מקבר זיין איינעם, און דער יוד האט זיך געפארעט דערפאר, אין זיין זכות איז ניצל געווארן די גאנצע געגענט פון רב.

**פרעגט** דער **נזר הקודש**, אמת טאקע, אז מען דארף נישט אויסנוצען אזא גרויסען זכות פון רב פאר דעם, עס איז געוונג אפילו א פשוט'ער זכות. אבער די גמרא זאגט, אז עס איז נישט אין זכות פון רב, ווייל רב'ס זכות איז זייער גרויס. וואס איז אז עס איז זייער גרויס? אז עס איז זייער גרויס, קען ער אויסנוצן אפילו אויף דעם אויך. פארוואס קען עס נישט זיין אין זכות פון רב.

**זאגט** דער **נזר הקודש**, דאס וואס א צדיק איז מגין אז ווען ער איז דארט אויף א פלאץ, זאל נישט קומען א אומגליק אויף די שטאט, איז ווייל כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), יעדער צדיק האט אויך עפעס אין זיך א שטיקל פעלער. און טאמער וועט קומען א צרה אויף די שטאט, איז דער משחית נישט מבחין בין טוב לרע. אויב עס איז דא א משחית, וועם ער זעהט נאר וואס האט עפעס, אפילו א קלייניגקייט, נעמט ער אוועק. און אזוי ווי דער אייבערשטער וויל נישט אז דער צדיק זאל מיטגיין מיט די סכנה פון די שטאט, טוט דער אייבערשטער מציל זיין די גאנצע געגענט. דאס איז גוט ביי א צדיק שאינו גמור, וואס האט אויך א חטא אויף זיך, איז דא א חשש אז ער וועט נתפס ווערן צוזאמען מיט די שטאט. אבער איינער וואס איז א צדיק גמור, וואס ער האט נישט קיין שום חטא, איז אפילו דער משחית וועט קומען, וועט ער אים נישט צורירן, ממילא האט ער נישט דעם כח אז ער זאל קענען מגין זיין אויף די שטאט.

**רב** איז געווען נפיש זכותיה, זיין זכות איז געווען זייער גרויס, אז וואס עס וועט פאסירן אין די שטאט, צו רב וועט עס נישט צורירן. האט רב נישט געהאט דעם כח, אז ער זאל קענען מגין זיין אויף די שטאט. דער פשוטער יוד וואס האט געהאט דארט א זכות, איז ווען עס זאל קומען א פראבלעם אין די שטאט, וואלט עס אים אויך אנגערירט, און ער האט דאך געהאט א זכות, אין זיין זכות האט דער אייבערשטער מציל געווען אלע אנדערע. - די נקודה דערפון איז, אז א צדיק גמור האט נישט די כח מגין צו זיין אויף א שטאט, אזוי שטארק ווי א צדיק שאינו גמור. א צדיק שאינו גמור ווערט נתפס צוזאמען, ממילא איז ער מגין. אבער א צדיק גמור וואס וועט ממילא נישט נתפס ווערן צוזאמען, האט ער נישט דעם כח אז ער זאל קענען מגין זיין.

**מען** זעהט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז דער זכות פון נח האט נישט מגין געווען אויפן גאנצן דור. נח איז געבליבען לעבן, און די גאנצע וועלט איז אומגעקומען ביים מבול. ווייל אלה תולדות נח, נח איש צדיק 'תמים' היה בדורותיו, ער איז געווען א צדיק תמים, און א צדיק תמים האט נישט דעם כח מגין צו זיין. וואס אימער עס וועט קומען, אויף אים וועט עס נישט שולט זיין, ווי דער אמת איז געווען, אז ער איז ניצל געווארן ביים דור המבול. ווען ער וואלט נישט געווען א צדיק תמים, דעמאלטס וואלט ער געקענט מציל זיין די שטאט. נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, האט ער נישט געהאט דעם כח אז ער זאל קענען מגין זיין.

**אויב** אזוי, אז דער אייבערשטער זאגט יעצט פאר אברהם אבינו, אז ווען דו וועסט זיך מל'ן, וועסטו ווערן תמים. דאס הייסט, ביז יעצט ביזטו נאכנישט א צדיק תמים, עס פעלט דיר נאך עפעס, און יעצט התהלך לפני והיה תמים. קומט אויס, אז פון יעצט און ווייטער איז ער א צדיק תמים, און אז ער איז א צדיק תמים, ער האט נישט קיין שום חסרון אין זיך, קומט אויס אז ער וועט פארלירן יעצט דעם זכות, אז ער וועט נישט האבען קיין כח מער מגין צו זיין אויפן דור. ביז יעצט האט ער מיט זיין צדקות מגין געווען אויף א דור פון עובדי עבודה זרה, אבער אז דער אייבערשטער זאגט אים, אז פון יעצט אן התהלך לפני והיה תמים, און א צדיק תמים האט נישט קיין כח אז ער זאל קענען מגין זיין אויפן דור, וועט דאך ווי' טון פאר אברהם אבינו, דער איש החסד, אז ביז יעצט האט ער געקענט מגין זיין אויף די שטאט, און יעצט וועט ער נישט קענען מגין זיין. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אמת, אלץ דעם זכות פון א צדיק וועסטו נישט קענען מער מגין זיין, ווייל דו ביסט א צדיק תמים, און א צדיק תמים האט נישט דעם כח מגין צו זיין. אבער איך וועל דיך מאכן פאר א אב המון גויים, דו וועסט ווערן א טאטע פאר די גאנצע וועלט, און זכות אבות איז מגין, נישט קיין חילוק צו ער איז יא א צדיק תמים, צו נישט א צדיק תמים, עס האט נישט צו טון מיט צדקות, עס האט צוטון, אז די זכות פון עלטערן גייען אריבער אויף די קינדער.

**ווען** דער אייבערשטער האט אים געזאגט התהלך לפני והיה תמים, האט אברהם חייש געווען, אז ער ווערט יעצט א תמים, און ער וועט נישט קענען מער מגין זיין אויפן דור. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, פון יעצט אן וועסטו נישט הייסען מער אברם, דו וועסט הייסען אברהם, כי אב המון גויים נתתיך, איך וועל דיר מאכען פאר א טאטע פאר די גויים, און א אב המון גויים, א טאטע'ס זכות, דאס איז מגין שטענדיג.

*

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת קעניגסבערג שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **שלמה קעניגסבערג** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יואל מאסרי** הי"ו (חתן הרב **יעקב כוואן** שליט"א, ארגענטינא) שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***__וזה תוכן השיחה:__***

**רבינו:** א חשובע גאסט.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** איך בענק מיך צו די זמנים וואס איך האב געקענט קומען אליין אן קיינעם.

**רבינו:** קודם וויל איך וואונטשען א מזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל קענען פירן די

עדה רואיגערהייט, און אויפטון, להגדיל תורה ולהאדירה. דער באשעפער גיט פאר יעדן זיין תפקיד, מען זאל עס קענען אויספירן בשלימות.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** אמן. מען האט געהאט יעצט א ברית? א נאכמיטאג'דיגע ברית.

**רבינו:** יא, אין סקולען, פאר די שקיעה.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** עס איז דא א שאלה, ווען עס איז דא א ברית וואס איז בזמנה, און א ברית וואס איז שלא בזמנה, וועלכע איז קודם. א ברית בזמנה איז קודם אלץ זריזין מקדימין, דארף מען דאך דאס מאכן צופרי (עיין **בפתחי תשובה** יו"ד סימן רס"ה סק"ט).

**רבינו:** אין הכי נמי, אבער דער בזמנו איז דער גאנצער טאג די זעלבע מצוה, עס איז נאר זריזין מקדימין למצוות. און דער שלא בזמנו, היות עס איז שוין אדורך זיין צייט, איז ער עובר שטענדיג אויף א עשה (כ"ה **בשו"ת דבר אברהם** ח"א סימן ל"ג, ובח"ב סימן א-ד עיי"ש בארוכה שהביא שכן הוא דעת **הגר"ח מבריסק זצ"ל**. וכן הוא **בשו"ת באר משה** ח"ה סימן ק"נ, וע"ע **בשו"ת שבט הלוי** ח"ה סימן קמ"ז אות ד').

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** אויב ערווארט שוין ממילא ביז נאכן דאווענען, איז דאך א סימן אז עס ברענט אים נישט דער אנפאנג טאג.

**רבינו:** אבער די שאלה איז, וואס אונז דארף מיר מקדים זיין, צו מיר האבען א חיוב מקדים צו זיין פריער דעם שלא בזמנה.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** איך האב געהערט א אינטערעסאנטע מעשה, עס איז דא ביי אונז א יוד, וואס ווען ער איז געווען א יונגעל, האט אים דער טאטע ז"ל איינמאל געפרעגט ווען זיין בר מצוה איז. האט ער געזאגט, ערב פסח. זאגט אים מיין טאטע, ביסט זיכער? זאגט ער, מיין טאטע האט מיר אזוי געזאגט. שפעטער האט מיין טאטע געטראפן דעם טאטען, פרעגט ער אים, ווען ווערט דיין זון בר מצוה. האט ער געזאגט ערב פסח. האט ער אים געזאגט עפעס שטימט נישט, ווייל ער געדענקט אז דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען מוהל, און ער איז געקומען צום ברית מיט א קאר, און לויט ווי ער זאגט דארף די ברית זיין שביעי של פסח, מוז זיין אז עס איז געווען מיט א טאג פריער. האט ער געזאגט, אז ער האט טאקע געמאכט א טעות.

**רבינו:** איך דערמאן זיך יעצט, אז ווען אייער פאטער איז געווארן רבי, נאכן הסתלקות פונעם **אמרי חיים זצ"ל**, תשל"ב, דעם ערשטען שבת ווען ער איז געקומען קיין וויליאמסבורג, איז **מיין טאטע ז"ל** געגאנגען צום טיש, און ער איז געזעסן נעבן אים. אינמיטן זעה איך, ווי דער וויזניצער רבי דרייט זיך אויס צו אים, און ער זאגט אים עפעס. ווען ער איז אהיימגעקומען, האב איך אים געפרעגט, וואס האט דער רבי געזאגט. האט ער געזאגט, ער האט מיר געזאגט, 'דאס אלעס וואס איר זעהט, דאס איז נאר א זכר למקדש'. מען דארף מאכן א זכר אויף א זאך וואס איז געווען.

**רבינו שליט"א כיבדו לברך על היין**

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה, משפיע זיין פאר יודען אלעס וואס זיי דארפן צו האבן. און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** פאר אייך אויך, זעהן אסאך נחת פון די קינדער און אייניקלעך.

**ונשאר האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן ביחידות למשך זמן**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודא לייב ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א (מנהל הת"ת בוויליאמסבורג), עב"ג בת הר"ר **שרגא אביגדור גאלדהירש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **יצחק בנימין שטערן** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **אלעזר פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה אליהו ליכטער** ע"ה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל מנחם קאהל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מאיר לייב ראזמען** הי"ו, שהתקיים באולם לעגאסי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש (בן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי נפתלי צבי וואקסמאן שליט"א** ראה"כ באבוב לאנדאן, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו להמחותנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום רביעי פרשת לך לך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **עזריאל חיים בלומענפעלד** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בת הר"ר **יצחק משה פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בנציון זיכערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם לעגאסי.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישעי' קרויס** ע"ה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, וערך ביקור גומלין אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** דער רב איז געווען איינמאל ביי מיין טאטען, און מען האט געפרעגט פארוואס אין וויזניץ האט מען נישט געזאגט קיין הספדים, ווייל על פי די גמרא (סנהדרין מו:) קומט דאך אויס, אז מען דארף מספיד זיין א מת. האט ער געזאגט, אז מען זאגט דאך ביי די זמירות (בליל שב"ק), ומתוך מיעוט עונות. זעהט אויס, אז עפעס עבירות דארף מען האבען.

**רבינו:** אין די פוסקים איז דא תשובות אויף דעם, צו ווען מען לאזט צוואה אז מען זאל נישט מספיד זיין, צו מען האט א כח (עיין **פתחי תשובה** יו"ד סימן שד"מ סק"א, **ובשו"ת תשובה מאהבה** ח"א סימן קע"ד, **ובשו"ת מנחת אלעזר** ח"ב סימן ס"ג).

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** מיין טאטע ז"ל האט געלאזט צוואה, אז מען זאל נישט דרוקען קיין מימרות פון אים. זעהט אויס, אז מען האט עס אדורכגעטון, און מען גייט יא דרוקען. עס איז דא פארשידענע ראיות, אז ער האט נאר געמיינט סתם זאכען, אבער נישט וואס עס איז נוגע אויף הלכה למעשה.

**רבינו:** בכלל איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי א מענטש קען מצווה זיין פאר פרעמדע. פארוואס איז א פרעמדער מחוייב צו פאלגען?

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** עס איז 'זיינע' תורות.

**רבינו:** ער איז נישט קיין בעל הבית דערויף.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** וואס ער זאגט ארויס פון 'זיין' מויל?!

**רבינו:** יענער האט עס געהערט, און ער האט עס אראפגעשריבן פאר זיך, וואו שטייט אז יענער טאר עס נישט מפרסם זיין (עיין **בשו"ת בית יצחק** יו"ד ח"ב סימן ע"ה אות א'). צו על כל פנים ווען מען רעדט פון עובדות וכדומה, יענער האט געהאט א מעשה, ער האט געפרעגט, און מען האט אים געזאגט, מען האט אים נישט דעמאלטס אנגעזאגט אז ער טאר נישט פארציילען, שפעטער זאגט מען אז מען זאל עס נישט דרוקען. די קינדער זענען אפשר מחויב צו פאלגען, אבער ווען מען רעדט אז א צווייטער טוט עס...

*

**רבינו:** עס שטייט דאך אז די נשמות קומען אראפ צו א שמחה. מען קען מסופק זיין, צו די ערשטע יאר אויך. עס איז דא אסאך חילוקים צווישן די ערשטע יאר און די קומענדיגע.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** מען זאגט נישט קיין יזכור, און מען גייט נישט מתפלל זיין אויפן ציון.

**רבינו:** ביי ענק האט מען געזאגט יזכור דאס ערשטע יאר.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** יא.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** דאכט זיך מיר אז עס איז אפאר זאכען, וואס מען פלעגט ארויפלייגען אויף די מימרא מתוך מיעוט עונות, אז עס איז פשט אז אפאר עבירות דארף מען יא האבען.

עס איז מיר היינט ביי קידוש לבנה איינגעפאלען א ווארט. עס איז דא א **אור החיים הק'** (פ' וישב), אויפן פסוק (לז-כ) ועתה לכו ונהרגהו, זאגט דער **אור החיים הק'**, אין ועתה אלא תשובה (ב"ר כא-ו), אז מען האט געזאגט לאמיר אים גיין פארקויפן, און נאכדעם וועלן מיר תשובה טון. עס איז דא וואס פרעגן דערויף, אז די גמרא (יומא פה:) זאגט, האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו לעשות תשובה.

עס איז דא אסאך מאל וואס א מענטש האט ספיקות, ער ווייסט נישט צו ער דארף עפעס טון, צו נישט. ער האט צדדים לכאן ולכאן, וואס דארף ער טון למעשה. גייט מען נאך רוב. אויב רוב צדדים זענען אויף נישט, דארף ער עס נישט טון. אויב רוב צדדים זענען אויף יא, דארף ער עס יא טון. איי עס איז דא צדדים אויף נישט, וועט ער זיך מסדר זיין מיט יענע זאכען. מען זעהט אין די גמרא (ברכות לא:) אז ווען איינער האט געהאט א שלעכטען חלום שבת, זאל ער פאסטען שבת, און זונטאג זאל ער פאסטען א תענית לתעניתא. דא איז אויך די זעלבע זאך, עס איז דא רוב צדדים אויף יא, און עס איז דא צדדים אז נישט, אויב די צדדים אויף יא איז גובר, ממילא הייסט מען אים פאסטען שבת, איי עס איז דא צדדים אז מען טאר נישט פאסטען שבת, הייסט מען טאקע אז ער זאל פאסטען א תענית לתעניתא. די זעלבע זאך זעהט מען ביי תפלין, אז ווען מען טוט אן דעם של ראש, זאגט מען די ברכה על מצות תפלין, און נאכדעם זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד (רמ"א או"ח סימן כ"ה סעיף ה'). דא איז אויך די זעלבע זאך, מען הייסט קיינמאל נישט מאכן א ברכה, און נאכדעם זאגען ברוך שם כבוד מלכותו. נאר ווען די צדדים אויף יא איז גובר, הייסט מען יא מאכען א ברכה. איי עס איז דא צדדים אז מען דארף נישט מאכען א ברכה, זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו.

דאס איז די פשט דא ביי יוסף אויך. זיי האבען געהאט צדדים יא צו פארקויפן יוסף, אדער נישט צו פארקויפן יוסף. און די צדדים אויף יא האבן גובר געווען, ממילא האבן זיי געזאגט, לאמיר אים פארקויפן. איי מען וועט אים מצער זיין, אין ועתה אלא תשובה, וועט מען אים איבערבעטן.

לויט דעם האב איך געטראכט, די גמרא (סוכה נב:) זאגט, אז אויף פיר זאכען האט דער אייבערשטער חרטה. לכאורה איז דאך דא נאך עפעס, די גמרא (שבועות ט.) זאגט ביי די לבנה, אז דער באשעפער זאגט, הביאו עלי כפרה שמיעטתי את הירח, איז דאך דא נאך א זאך וואס דער אייבערשטער האט חרטה געהאט. אבער דארט קען זיין אז דער אייבערשטער האט נישט קיין חרטה, נאר דער אייבערשטער האט געהאט צדדים יא ממעט צו זיין די ירח, און צדדים אויף נישט, ווייל ער וועט איר מצער זיין. און די צדדים אויף יא האבען גובר געווען, ממילא האט ער יא ממעט געווען די לבנה. איי איך וועל דאך מצער זיין די לבנה, האט דער אייבערשטער געזאגט, הביאו עלי כפרה. אבער עס מוז נישט זיין אז דער אייבערשטער האט חרטה געהאט דערויף. יענע זאכען וואס די גמרא רעכענט אויס, האט ער געהאט חרטה.

**רבינו:** עס קומט אסאך מאל אויס, אז מען דארף טון א עוולה פאר א צווייטען, און מען האט נישט קיין ברירה, און מען טוט עס. אבער שפעטער דארף מען א כפרה, שמיעטתי את הירח. מען האט זיך נישט צוריקגעהאלטען, נישט צו טון.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** א יעדע זאך וואס מען טוט, האט מען צדדים לכאן ולכאן. איך זאג אסאך מאל, עס איז דא שיעורי תורה ביינאכט, און איך פרעג אסאך מאל א מענטש, פארוואס קומסטו נישט ביינאכט לערנען? ענטפערט ער געוועגליך א תירוץ פארוואס ער קומט נישט. אמאל איז דא וואס מען וועגדט אים אפ די תירוץ, עס איז נישט קיין גוטע תירוץ. און אמאל איז דא וואס מען זאגט אים, דו האסט טאקע זייער א גוטע תירוץ פארוואס דו קומסט נישט, אבער קוק די צדדים כנגדו, וויפיל צדדים איז דא יא צו קומען. וואס דאס טוט איבערוועגן.

### וכיבד את רבינו לברך על היין

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן** (הראה על א' מהנוכחים): דאס איז א אייניקל פון רבי פישל סענדראוויטש ז"ל.

**רבינו:** די ערשטע יארן איז ער געווען א מלמד אין וויען.

**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** ער האט מיר אמאל געזאגט, אז זונטאג אינדערפרי ווען ער גייט אין מקוה וואשט ער זיך בחמין. ווייל אויף חמין במוצאי שבת מלוגמא (שבת קיט:), זאגט רש"י, לשתות ולרחוץ. און אז ער גייט ממילא אינדערפרי אין מקוה, וואשט ער זיך בחמין.

**רבינו:** עס איז דא אזעלכע וואס האבען ערשט געמאכט מלוה מלכה זונטאג...
עס האט מיר איינער געזאגט, אויף רבי פישל'ס פאטער, אז ער ליגט אין חוסט, און עס איז דא א מצבה וואס שטייט אויפגעשריבן, אז דער **ערוגת הבשם** האט אים צוגעזאגט עולם הבא.
**ובירכו רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל האבן א פרייליך יאר, און א פרייליכען חודש, מען זאל קענען גיין פון איין שמחה צו די צווייטע שמחה. קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, און עס זאל אלעס גרינג אנקומען.
**האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן:** אי"ה ביי אייך אויך. אין **בני יששכר** שטייט, אז דער בית המקדש וועט ווערן געבויעט אין חודש חשון. ער ברענגט אז וועגן דעם איז נישט דא קיין יום טוב חשון, ווייל עס איז אנגעגרייט אויף לעתיד.
**רבינו:** עס איז א פלא דער **אור החיים הק'** (בפרשתנו טו-יח), אז דער אייבערשטער האט צוגעזאגט עשרה עממין פאר יודען, און ער האט נאר געגעבן זיבן, און דריי וועט ער געבן לעתיד. ער מאכט אוועק די מינים וואס זאגן עס וועט נישט זיין קיין גאולה, ווייל דער אייבערשטער האט צוגעזאגט א ער גייט נאך געבן דריי, און ער האט עס נישט געגעבן, מוז אמאל קומען א צייט וואס עס וועט מקויים ווערן (**רבינו שליט"א** האריך בזה בסעודה שלישית פ' לך העעל"ט). ותחזינה עינינו.
איך האב גרויס הנאה געהאט פונעם קונטרס (מדברי תורתו של **האדמו"ר מוויזניץ-לאנדאן שליט"א**), עס איז דא דארט אסאך פרפראות לחכמה.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי שלמה ראבינאוויטש שליט"א רב דקהל דינוב ב"פ** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג יחיאל לייפער שליט"א** אב"ד בני ישכר, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו להמחותנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום חמישי פרשת לך לך***

אחר שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פרעשבורג. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל צוגעבן א ווארט צו די **ספורנו** (בפרשתנו יז-יג) וואס רבי שמואל האט פריער ארויסגעברענגט. מען געפונט ביי בלעם בשעת ער האט גערעדט פון די מעלות פון יודען, האט ער געזאגט, מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל (במדבר כג-י), עס שטייט אין תרגום יונתן, אז מי מנה עפר יעקב גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וואס די ערלה לייגט מען אריין אין עפר. מי מנה, ווער קען ציילען, עפר יעקב, די חשיבות פון די מצוה פון ברית מילה. ומספר את רובע ישראל, טייטשט רש"י, ווער קען ציילען די חשיבות פון רביעותיהן של ישראל, די דורות פון יודען. און רובע איז אויך א לשון פון א פערטל, א זאך וואס איז צוטיילט אין פיר חלקים, ווערט איין חלק אנגערופן א רובע. וואס איז די קשר, פון מי מנה עפר יעקב, און ומספר את רובע ישראל.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פ' וירא נט: ד"ה ויש) זאגט, אז דוד המלך זאגט (תהלים נא-ז), הן בעון חוללתי ובחטא יחמתני אמי. א מענטש ווערט געבוירן בעון, די עלטערן וואס ברענגען אראפ דאס קינד אויף די וועלט, געשעהט עס דורך חומריות, גשמיות. הן בעוון חוללתי, איך בין שוין געבוירן געווארן מיט א עוון, ובחטא יחמתני אמי, ווען מיין מאמע האט מיך געהאט, איז שוין געווען א חטא. פרעגט דער **חתם סופר**, פארוואס שטייט נאר 'אמי', וואס טוט זיך מיט 'אבי'. ער וואלט געדארפט זאגען, ובחטא יחמתני אבי ואמי. פארוואס האט ער ארויסגענומען די 'אבי'.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, א מענטש ווערט געבוירן דורך אברי חומריים, איז דאך דער מענטש עלול אז ער זאל זיין א חומרי, ער ווערט דאך אזוי באשאפן. האט דער אייבערשטער חותם געווען בבשרנו די ברית מילה, אז דער אבר זאל נתקדש ווערן, און דאס גיט די מעגליכקייט אז א יוד זאל זיך קענען פירען ערליך. דאס איז גוט אויפן טאטע, וואס ער האט די מצוה פון מילה, אבער די מאמע וואס האט נישט די מצוה פון מילה, ביי איר איז עס געבליבן אן א חותם פון קדושה. ובחטא יחמתני אמי, פון מיין טאטע'ס זייט איז דא די מצוה פון מילה, וואס איז מקדש, אבער פון די מאמע'ס

זייט האב איך עס נישט, איז בחטא יחמתני אמי, פון די מאמע'ס זייט בין איך געבוירן געווארן מיט א חטא. אזוי זאגט דער הייליגער **חתם סופר**.

**די** גמרא (נדה לא.) זאגט, שלשה שותפים באדם, דער מענטש האט דריי שותפים, הקב"ה אביו ואמו, יעדער גיט אריין זיין חלק. עס איז דא א הייליג ווארט פון **רבי אורי מסטרעליסק זצ"ל**, די פסוק (ויקרא יט-ב) זאגט, קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם, איש אמו ואביו תיראו. זאגט דער **הייליגער סטרעליסקער**, 'קדושים תהיו', איר זאלט זיין קדושים, 'כי קדוש אני ה' אלקיכם', איך בין דאך איין שותף וואס איז דא אינעם מענטש, און מיין חלק וואס איז דא ביי ענק איז קודש. 'איש', יעדער איינער, 'אמו ואביו תיראו', פונעם חלק פונעם טאטע און פונעם מאמע, פון דעם דארף מען מורא האבן. מיין חלק וואס איך האב געגעבן איז קדוש, אבער דער חלק פון אביו ואמו, פון דעם דארף מען מורא האבן, אז עס זאל נישט שטערן פאר די ערליכקייט פונעם יוד.

**לויטן** הייליגען **חתם סופר**, איז דער חלק פונעם אייבערשטען קדוש, און דער חלק פונעם טאטען איז אויך קדוש, ווייל עס איז נתקדש געווארן מיט די מצוה פון מילה. איז געבליבען נאר די חלק פון די מאמע וואס איז תיראו, בחטא יחמתני אמי. זאגט ער, 'מי מנה עפר יעקב', ווער קען פארציילען די חשיבות פון די מצוה פון מילה, וואס מען איז טומן די ערלה בעפר, וואס דאס איז מקדש דעם מענטש, אז ווען מען ווערט געבוירן שפעטער, האט ער אויף זיך די קדושה פון די עלטערן, דורך די מצוה פון מילה. 'ומספר', און ווער קען ציילען, 'את רביעיותיהן של ישראל', די חשיבות פון זרע של ישראל, וואס איז נתקדש געווארן קודם דורך דעם מי מנה עפר יעקב, וואס מען האט מקיים געווען מצות מילה.

**די** גמרא (נדה שם) זאגט דאך, אז דער אייבערשטער לייגט אריין צען זאכען אינעם מענטש, און דער טאטע לייגט אריין פינף, און די מאמע לייגט אריין פינף. צוואנציג חלקים איז דא וואס א מענטש ווערט אויפגעבויט, צען פונעם אייבערשטען, פינף פונעם טאטען, און פינעף פון די מאמע. די צען פונעם אייבערשטען, איז דאך הייליג, כי קדוש אני ה' אלקיכם. די פינף חלקים פונעם טאטען, איז דאך אויך נתקדש געווארן מיט מצות מילה. איז נאר געבליבען וואס מורא צו האבען אויף איין פערטל, דער בחטא יחמתני אמי. זאגט ער, 'מי מנה עפר יעקב', ווער קען פארציילען די חשיבות פון מצות מילה וואס יודען זענען מקיים, וואס דורכדעם איז נאר געבליבען א רובע, א פערטל, אויף וואס מען דארף ארבעטן. און אפילו די רובע, 'ומספר', ווער קען ציילען, 'את רובע ישראל'. אפילו דער חלק פונעם רובע ישראל, איז אויך ביי יודען קדוש. כאטש עס איז בחטא יחמתני אמי, פון דעסטוועגן דאך פירט מען זיך אויף מיט קדושה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בת הרה"ג רבי **נחום מאסקאוויטש** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **ישראל בעק** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות בבית מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש, שהתקיים באולם ליפשיץ.

אחר השבע ברכות חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף בשמחת התנאים של בת הר"ר **יואל גליק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישכר לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

*

***<u>שבת קודש פרשת לך לך</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אנשיל האלפערט** הי"ו, והתקיימה שמחת העליה לתורה של החתן **חיים שמחה בונם הירש** נ"י. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.